

"Subway Riders" de Francis Louis Mora, publié dans New York Sun, le 13 décembre, 1914.

## Jacob Adler, Oziel Fleyshman et Yosef Bank

# Satires dans la presse yiddish

***Connu aussi sous le nom de B. Kovner, Jacob Adler, contributeur régulier du journal* Forward*, y crée de nombreux personnages comiques tels que Yente Telebende ou Moyshe Kapoyer très populaires dans les années 1920 et 1930.***

***Les auteurs Oziel Fleyshman et Yosef Bank ne sont pas restés dans le panthéon de la littérature yiddish, même si parmi leurs textes destinés à la presse, ils écrivent aussi quelques poèmes.***

## "Méfiez-vous de l'Amérique !" de Jacob Adler (1874-1974)

**גלויבט ניט אַמעריקע**

אַ מאָל האָט אַ בראָנזווילער יידל
אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר געהאַט;
זיי זאָלן ניט גיין אים פאַרלוירן,
געוואָלט האָט ער קויפן אַ„ לאַט.“

אַוועק איז ער באַלד אין אַן„ אָפיס“
און דאָרטן מיט שׂימחה דערקלערט:
„מיסטער, קומט ציַיגט מיר אַ לאַטל,
כ'וויל קויפן אַ שטיקעלע ערד.“

מע האָט אים געוויזן אַ מציאה,
געמאָסטן די ערד מיט אַ מאָס:
געווען איז עס„ צוואַנציק–ביַי–הונדערט,“
באַוואַקסן אין גאַנצן מיט גראָז.

נו, טוט זיך אַ פּרעג אָט דאָס יידל :
„דאָס לאַטל ווי פיל האָט די ווערט?“
דערהערט נאָר דעם פּריַיז פון דעם לענדלאָרד—
עס ליגט שוין דאָס יידל אויף דר'ערד

און נעמט מיט די נעגל דאָרט גראָבן,
און רייַסט אויס און פליקט אויס דאָס גראָז
און קראַצט דאָרט און קראַצט מיט אַ שפּענדל
און שנאָרכעט און שמעקט מיט דער נאָז...

און ס'פרעגט דאַן דער לענדלאָרד דאָס יידל:
„סעי, מיסטער, וואָס שמעקט איר די ערד?“
דל געקנייטשט האָט דעם שטערן E דאָס יי
און טיף פילאָזאָפיש דערקלערט:

„אַמעריקע פול איז מיט שווינדלער,
וואָס שווינדלען אויף טיש און אויף בענק—
דאָ האַנדלט מען שטענדיק מציאות
און ס'לאָזט זיך דערפון אויס אַ קרענק...

„און איידער איך צאָל די ממתּקים,
וויל זען איך אויב ס'האָט עפּעס ווערט—
פון אויבן קען וואַקסן זיך גראָזן
און אונטן — ניט זייַן זאָל קיין ערד“...

Un Juif de Brownsville avait une fois cent dollars. Pour éviter qu'ils ne se perdent, il voulut acheter une parcelle de terrain. Il est donc allé à une agence et demandé à acheter un lotissement. On lui montra l'"occase", une parcelle de "vingt fois cent" totalement couverte d'herbe. A peine informé du prix, notre homme se précipita par terre et se mit à creuser : de ses ongles, à l'aide d'un bout de bois, il arracha les brins et gratta le sol tout en humant et en reniflant. Le vendeur voulut savoir ce qu'il cherchait là, et le client, philosophe, lui répondit : "L'Amérique est pleine d'escrocs. On ne vous propose que de belles occases, mais, à la fin, on se retrouve dans le pétrin. J'ai donc voulu, avant de lâcher l'oseille, vérifier ce que ça valait. Il se peut bien que par-dessus pousse l'herbe, mais qu'en dessous il n'y ait pas de terre…"

"Tashlekh" et l'Océan" de Oziel Fleyshman (1875 - 1953)

## תּשליך און דער ים

דערוואַרטעט האָט מיט אומגעדולד,
מיט הונגערנויט, סכּנה,
דער אָקעאַן, דער מעכטיקער,
דעם טאָג פֿון ראָש–השנה.

דען איין מאָל נאָר אין יאָר באַשטימט
האָט גאָט אים די מזונות,
צו שפּייַזן זיך אין תּשליך–צייַט
מיט חטאָים און עוונות.

איצט האָט ער שוין דעם טאָג דערלעבט:
ער האָפֿט, באַלד ווערט אים גרינגער;
און אויפֿגעמאַכט שוין ווייַט און ברייט
האַלט ער זייַן ריזן–שלינגער!

און שטראָמען ציען מחנותווייַז,
אי ײדענעס, אי ײדן;
אָט שטייען אַלע שוין בייַם ברעג—
עס לאַכט דער ים צופֿרידן.

דאָך אָנגעהויבן האָבן קוים
די פֿרומע „תּשליך“–זאָגער,
דערשפּירט גלייַך האָט דער ים די שפּייַז,
ווי פֿויל זי איז, ווי מאָגער!

האָט ווער פֿון אייַך געפֿילט אַ מאָל
דעם טעם פֿון טוכלע פּירות?
אָט פּונקט אַזוי אויך שמעקן מוז
פֿון אַלטע די עבֿירות.

עס קאָרטשעט זיך אַנטוישט דער ים
און ברומט פֿול וויי און באַנגען:
„מייַן גוטע צייַט, מייַן שיינע צייַט,
אַך, ווו ביסטו פֿאַרגאַנגען?

ווען ייִנגעלעך און מיידעלעך,
געהאַלטן שטרענג אין צוימען,
נאָר פֿרום זייַן פֿלעגן עפֿנטלעך
און זינדיקן אין געהיימען.

C'est avec impatience, pris d'une terrible fringale, que le puissant Océan attendait le jour de Roshashone, vu que le Tout-puissant ne lui a pas assigné d'autre pension alimentaire : à la période de Tashlekh il se nourrit de péchés et de fautes. Le jour arrivé, il espère donc voir son appétit satisfait et ouvre par anticipation son immense avaloir. Sur la plage, en effet, avance une foule de Juifs âgés, femmes et hommes ; les voilà tous sur son bord ; la mer sourit, contente. Mais dès que les pieux diseurs de "Tashlekh" commencent leur rite, l'océan remarque que la pitance est aussi rance que maigre. Avez-vous goûté par hasard la saveur de fruits moisis ? Et bien, c'est cela le goût des péchés des vieillards. Déçue et agitée par des crampes, la mer rugit son regret : "Ah, mes beaux jours, où êtes-vous passés, le temps béni où garçons et jeunes filles, soumis à la rigueur des parents, se montraient pieux en public et ne péchaient qu'en cachette !".

## "Les libres jeûneurs" de Yosef Bank (1888 - ?)

**פֿרײַע הונגערלײַט**

אָפּגעפֿאַסט אַ גאַנצן יאָר,
קומט יום–כּיפּור–נאַכט,
ווערן באַלד די ליפּעלעך
טרוקן און פֿאַרשמאַכט.

קומען זיך די הונגערלײַט
ערגעץ ווּ צונויף,
לייגט מען זיך צוזאַמען און
מע נעמט פֿאַר זיך אַרויף:

הערינגלעך און ציבעלעס,
קוואַס און שוואַרצן ברויט;
עסט מען, אַמוזירט מען זיך,
ווערט מען שטאַרק דערפֿרייט.

און פֿון נחת און פֿון גליק
קוועלט אָן יעדעס גליד,
דען ניט אַלע טאָג אין יאָר
איז דאָך אַ יריד.

נעמט מען באַלד די שאַפּ–מיידלעך
אויך אין זעלבן הויז,
קושט מען זיך, און האַלדזט מען זיך,
שפּילט מען ליבעס אויס...

און די ליבע עלטערן
פֿון די פֿילע פּאָר
בעטן פֿאַר די קינדערלעך
אויס אַ גוטן יאָר:

„גאָטעניו, אוי שיק זיי צו
די באַשערטע לײַט,
לאָז זיי ניט פֿאַרזיצן און
אויסגיין פֿאַר דער צײַט“.

און מקוים אין דעם טאָג
ווערט נאָך דאָס געבעט:
זיי פֿאַרזיצן שוין ניט מער,
אוי, נאָך דעם „על–חטא...“

On a jeûné toute l'année, mais c'est à l'arrivée du soir de Kippour que les lèvres sèchent et qu'on se sent défaillir.
Les affamés se réunissent donc quelque part, chacun donne son écot et l'on apporte du hareng et des oignons, du cidre et du pain noir. On boit, on s'amuse, le cœur se réchauffe. Le corps tout entier prend plaisir et satisfaction : ce n'est pas tous les jours qu'on jouit d'une telle abondance. Les filles, ouvrières d'atelier, son là, dans le même bâtiment. On s'embrasse, on s'enlace, les amours vont bon train… Entre temps, les chers parents de ces couples nombreux quémandent une bonne année pour leur progéniture : "Cher Dieu, fais qu'ils trouvent tous leur être prédestiné. Ne les laisse pas, nous t'en prions, languir célibataires". Leurs vœux seront exaucés encore le même soir. : l'heure du "mea culpa" passée, ils ne resteront plus célibataires…

---

**Source :** Yitskhok Niborski

Lawrence Jeffrey Epstein, *At the edge of a dream: the story of Jewish immigrants on New York's Lower East Side 1880-1920*, (John Wiley and Sons, 2007).

New York Public Library : http://www.nypl.org/research/chss/grd/resguides/newspapers/